בס"ד

# פרדי"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תצא תשע"ז** | **גליון 376 [שנה ח']**

**נאר א צדיק מעג גיין אין די מלחמה**

כִּי־תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבֶיךָ: (כא י) שטייט (דברים כ ח) וְאָמְרוּ מִי־הָאִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ: דער וואס האט מורא זאל נישט גיין אין די מלחמה, און רש"י ברענגט פון חז"ל הירא מעבירות שבידו, ער האט מורא פון זיינע עבירות, דעריבער יחזור וישוב לביתו, זאל אהיים גיין, קומט אויס אז די וואס זענען יא געגאנגען אין די מלחמה זענען געווען צדיקים וואס האבן נישט געזינדיגט און האבן נישט מורא פון זייער עבירות, קען זיין א רמז תֵּצֵ"א איז די נוטריקון איש צדיק תמים, אז נאר א צדיק תמים האט געמעגט גיין למלחמה. (תפוחי חיים פאנעט קארלסבורג)

**דורך צדקה ווערט נתקבל אונזערע תפילות**

וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ: (כא י) דארף מען פארשטיין פארוואס דארף שטיין דיווארט בְּיָדֶךָ, וואלט געווען גענוג צו שטיין וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ? נאר עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז אין זכות פון צדקה וואס א מענטש גיט הערט זיך צו דער אויבערשטער צו זיינע תפילות, אזוי ווי עס שטייט (דברים יג יח) וְנָתַן־לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ, און חז"ל (שבת דף קנא:) דרשענט פון דעם פסוק כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים, דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אים, און צדקה איז אויך מרומז אין דער ווארט יַד אזוי ווי עס שטייט פותח תפתח את ידיך וואס דאס מיינט צדקה פאר דעם ארימאן, דאס מיינט וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ, דער אויבערשטער וועט דיר העלפן מנצח זיין די מלחמה וועגן בְּיָדֶךָ, דיינע צדקה, מיט דעם קען מען אויך מסביר זיין א פסוק אין תהלים (קמ"ט ו) וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת "בְּיָדָם": וואס איז אויך שווער פארוואס דארף שטיין בְּיָדָם? נאר פשט איז אז מען וויל אז וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת מען זאל געהאלפן ווערן מיטן געבעט פון זיין מויל, דאס מיינט זיין תפילה, [ווייל בְּחַרְבִּי, –חַרְבּוֹ זו תפילה (שבת קכג.)– מיינט דאווענען, המו"ל] איז נאר דורך "בְּיָדָם", זיין צדקה פון זיינע הענט. (תורת יפה פריעד בעסערמין)

**ענין ווי אזוי און פארוואס האט מען אזוי געגעבן די מלקות**

וְהִכָּהוּ לְפָנָיו כְּדֵי רִשְׁעָתוֹ בְּמִסְפָּר: (כה ב ג) שטייט אין רש"י ד"ה לְפָנָיו כְּדֵי רִשְׁעָתוֹ, פון די גמ' (מכות כב) עס שטייט לְפָנָיו איינס, און לאחריו כדי שתים, צוויי, מכאן אמרו מלקין אותו שתי ידות מלאחריו ושליש מלפניו ואחת מלפניו, דאס מיינט מען שלאָגט אויף זיין הארץ פון אונטן און אויף זיינע צוויי פלייצעס פון אונטן, דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין פון איינס מלפניו און צוויי מאחריו? נאר עס שטייט אין אבות (פ"ג מ"א) עֲקַבְיָא בֶן מַהֲלַלְאֵל אוֹמֵר: הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים וְאֵין אַתָּה בָא לִידֵי עֲבֵרָה. דַּע, מֵאַיִן בָּאתָ וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן. מֵאַיִן בָּאתָ .. וּלְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ? לִמְקוֹם עָפָר רִמָּה וְתוֹלֵעָה, וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן? לִפְנֵי מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. קומט אויס אז דער וואס האט געזינדיגט האט נישט געטראכט פון לפניו, מאין באת, דאס איז איינס לפניו, און נישט געטראכט פון לאחריו, לְאָן אַתָּה הוֹלֵךְ און וְלִפְנֵי מִי אַתָּה עָתִיד לִתֵּן דִּין וְחֶשְׁבּוֹן, דעריבער איז די מלקות לפניו און לאחריו. ["ונכון הוא",] דאס איז דער טעם פון צוויי לאחריו און איינס לפניו, און דער טעם פון ל"ט מלקות איז, ווייל ער האט כופר געווען אין ה' "אח"ד" גימט' י"ג, און אויך כופר געווען אין די הייליגע תורה וואס ווערט גדרשענט בי"ג מדות, און אויך האט ער ווידערגעשפעניגט אויפן יצר טוב וואס קומט ביי י"ג שנה, וואס דריי מאל י"ג איז ל"ט מלקות, און די ארבעים יכנו איז מרמז אויף בינה: בן ארבעים לבינה, זאגט אים די הייליגע תורה אז די חטא איז ווייל דו האסט נישט געהאט די ארבעים, בינה. (כלי יקר)

**שלאגן מיט ליעבשאפט**

וְהָיָה אִם־בִּן הַכּוֹת הָרָשָׁע: (כה ב ג) די גמ' (מכות יג.) שרייבט "אבל מיתה ומלקות מיתה אריכתא היא", אז מלקות איז א ענין פון מיתה, און די גמ' זאגט ברור לו מיתה יפה, ברירת מיתה עם מעט צער. קלייב אויס א מיתה מיטן ווייניגסטן צער (סנהדרין מה.) און די גמ' (סנהדרין דף י.) שרייבט אז מען דארף אפשאַצן וויפיל מלקות דער מענטש קען פארנעמען. זעהט מען אז אפילו ביי א עונש דארף עס אויך זיין מיט א ליבשאפט פאר א איד, ווייל ואהבת לרעיך כמוך, קען זיין א פאסיגע רמז: אִם בִּן הַכּוֹת הָרָשָׁע איז די ר"ת אהב"ה. דעם שלאגן דארף זיין מיט ליבשאפט. (תפוחי חיים פאנעט קארלסבורג)

**עמלק איז א כפוי טובה**

זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם: (כה יז) דארף מען פארשטיין ווי קומט אריין דא מצרים? נאר עס שטייט אין מכילתא סוף פרשת בשלח אויפן פסוק ויבא עמלק אז עמלק זענען כפוי טובה פאר די אידן און מען זעהט טאקע וואס רש"י זאגט (במדבר כ יד) כֹּה אָמַר אָחִיךָ יִשְׂרָאֵל אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ. אז עמלק האט אויך געדארפט זיין אין די שיעבוד פון מצרים און די אידן האבן אליין געהאט דעם שיעבוד, דעריבער דארף מען געדענקען וואס עמלק האט דיר געטאן אין מצרים וואס זיי האבן נישט געטאן זייער חלק, און עס שטייט אין רש"י אז א כפוי טובה ברענגט מיתה, דעריבער וועגן די כפוי טובה תִּמְחֶה אֶת־זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם: ווייל די מדה פון כפוי טובה איז דער היפך פון די מדה פון א איד, און וועגן דעם זעט מען אין די הייליגע תורה אין אונזער סידרא (דברים כ"ג ד–ה) לֹא יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל ה' גַּם דּוֹר עֲשִׂירִי לֹא יָבֹא לָהֶם בִּקְהַל ה' עַד עוֹלָם מען טאר נישט חתונה האבן מיט עמון ומואב, פארוואס? ווייל עַל דְּבַר אֲשֶׁר לֹא קִדְּמוּ אֶתְכֶם בַּלֶּחֶם וּבַמַּיִם בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם: זיי זענען א כפוי טובה, אזוי ווי דער רמב"ן זאגט אז דורך די טעכטער פון לוט, וואס זיי זענען געראטעוועט פון סדום, קומען עמון ומואב, וואלטן זיי געדארפט האבן הכרת הטוב פאר כלל ישראל און זיי געבן וואסער, ממילא קען זיין ווייל די מדה פון כפוי טובה איז מאוס און די היפך פון די מדה פון א איד, דעריבער טאר מען נישט אריינעמען אין כלל ישראל עמון ומואב. (שמח זבולון)


פרשת כי תצא גליון 376

## אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש פרק ב

דריי זמירות לשבת פון הייליגן אריז"ל הר' יצחק בן הר' שלמה לוריא אשכנזי וואס אידן זינגען זיי, און זיין הייליגער נאמען איז מרומז אין די ר"ת פון די זמירות. פריערדיגן וואך האבן מיר באשריבן די חרוז פון באנאכט אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין לְמֵיעַל גּוֹ פִּתְחִין דְּבַחֲקַל תַּפּוּחִין דְּאִנּוּן קַדִּישִׁין, שבת ביי טאג זינגט מען:

**אֲסַדֵּר לִסְעוּדָתָא. בְּצַפְרָא דְשַׁבַּתָּא. וְאַזְמִין בַּהּ הַשְׁתָּא עַתִּיקָא קַדִּישָׁא:**
**נְהוֹרֵיהּ יִשְׁרֵי בַהּ. בְּקִידּוּשָׁא רַבָּא. וּבְחַמְרָא טָבָא. דְּבֵהּ תֶּחֱדֵי נַפְשָׁא:**
**יְשַׁדֵּר לָן שׁוּפְרֵיהּ. דְּנֶחֱזֵי בִּיקָרֵיהּ. וְיַחֲזֵי לָן סִתְרֵיהּ. דְּאִתְאֲמַר בִּלְחִישָׁא:**
**יְגַלֵּה לָן טַעֲמֵי. דְּבִתְרֵיסַר נַהֲמֵי. דְּאִינּוּן אָת בִּשְׁמֵיהּ. כְּפִילָא וּקְלִישָׁא:**
**צְרוֹרָא דִלְעֵילָא. דְּבֵיהּ חַיֵּי כֹלָּא. וְיִתְרַבֵּי חֵילָא. וְתִיסַּק עַד רֵישָׁא:**

**חֲדוּ חַצְדֵי חַקְלָא. בְּדִבּוּר וּבְקָלָא. וּמַלְּלוּ מִלָּה. מְתִיקָא כְּדוּבְשָׁא:**
**קֳדָם רִבּוֹן עָלְמִין. בְּמִלִּין סְתִימִין. תְּגַלּוֹן פִּתְגָמִין. וְתֵימְרוּן חִדּוּשָׁא:**
**לְעַטֵּר פְּתוֹרָא. בְּרָזָא יַקִּירָא. עֲמִיקָא וּטְמִירָא. וְלַאו מִלְּתָא אַוְשָׁא:**
**וְאִלֵּין מִלַּיָּא. יְהוֹן לִרְקִיעַיָּא. וְתַמָּן מָאן שַׁרְיָא. הֲלָא הַהוּא שִׁמְשָׁא:**
**רְבוּ יַתִּיר יִסְגֵּי. לְעֵילָא מִן דַּרְגֵּהּ, וְיִסַּב בַּת זוּגֵהּ. דַּהֲוַת פְּרִישָׁא:**

אבער לכאורה פעלט דא אויך עפעס פון ר"ת, ווייל די ר"ת איז אני יצחק לור! אבער אין אלטע דרוקן זמירות איז דא א הוספה פון צוויי חרוזים פון יו"ד און אל"ף איז די ר"ת אני יצחק לוריא

**יְדֵי אַסְחֵי אֲנָא לְגַבֵּי חַד מָנָא לְסִטְרָא חוֹרִינָא דְּלֵית בֵּהּ מַמָּשָׁא.**
**אֲזַמֵּן בִּתְלָתָא עַל כָּסָא דְבִרְכָתָא לְעִלַּת עִלָּתָא עַתִּיקָא קַדִּישָׁא.**

המשך פון שלש סעודות יבא בשבוע הבא

## מדור העובדות
## געווארט אויף א געלעגנהייט און איז געהאלפן געווארן מיט א קינד

הרה"ק רבי משה צבי גוטרמן זצוק"ל דער סאווראנער צדיק איז געבוירן שנת תקל"ה צו זיין הייליגער פאטער הרה"ק רבי שמעון שלמה א תלמיד פון מגיד ממזריטש. רבי משה צבי איז געווען א תלמיד פון הרה"ק רבי ברוך ממעז'יבוז', הרה"ק רבי לוי יצחק מבארדיטשוב און פון שפאלע זיידע. ער איז געווען א איידעם פון הרה"ק רבי דוד מסטעפין. [ער איז נפטר געווארן כ"ה טבת תקצ"ח.]

ר' דוד איז געווען א פייערדיגן חסיד פון הייליגן סאווראנער צדיק, ער האט געוואוינט אין אונגארן וועגן זיינע געשעפטן און האט זייער מצליח געווען אבער קיין קינדער האט ער נישט געהאט און וויפיל ער האט געבעטן דעם רבין האט ער קיין ברכה נישט באקומען, דער חסיד האט זיך נישט מייאש געווען און נישט פארלוירן די אמונה און ווייטער געפארן די ווייטע נסיעות און זיך אנווארעמען אין סאווראן. ביז איינמאל האט אים דער רבי געענטפערט וואס ער האט נישט געוואלט הערן "וואס זאל איך דיר טאן אז עס איז נגזר געווארן און דו קענסט נישט האבן, זאל איך משנה זיין די טבע?"

ר' דוד איז א חסיד און א חכם ענטפערט רוהיג "יא רבי! איר קענט איבערדרייען די טבע און מבטל זיין די גזירה ווען איר ווילט!" דער רבי זעט די תמימות פון חסיד און זאגט "נו נו, אויב אזוי האט איר נאך צייט." דעם תשובה האט אבער געוויזן פאר ר' דוד און די חסידים אז דער רבי ווייזט עס איז דא האפענונג. און ר' דוד איז מחליט ער וועט ווארטן אויפן פאסיגן מינוט.

דער רבי איז שוין געווארען א זקן און איז שוואך אבער זיין הארץ וויל נאך גיין שאפן געלט פאר די פולע נצרכים, עס דארף ווייטער אנגיין אפילו עס איז שווער דער רבי זאגט ער וועט גיין שטאטלעך און שאפן געלט, אבער יעצט האט זיך געמאכט פארן צדיק א ענין פון פדיון שבויים פון א בנן של קדושים און מען האט געדארפט צאלן פופצן טויזנט רובל אויסלייז געלט וואס איז א הון רב, דער רבי האט זיך אונטער גענומען אז ער גייט ארום פארן די שטעטלאך שאפן דאס געלט, אבער די בני בית און דאקטוירים זאגן עס איז א סכנה און לאזן אים נישט פארן, אבער דער רבי נעמט נישט אן ניין פאר א ענטפער און נעמט זיך גרייטן מיט מסירת נפש אויף די נסיעה.

אונזער חסיד ר' דוד וואס איז געווען אין געגענד וועגן זיינע געשעפטן און האט זיך געמאכט א גרויסער געשעפט. אויפן וועג אהיים צופארן קיין אונגארן איז ער אריבער געפארן קיין סאמבור זיך טרעפן מיט זיין רבין, און ווען ער קומט אן אין הויף הערט ער ווי עס קאכט זיך וועגן דעם רבין'ס נסיעה, איז ר' דוד געגאנגען זאגן די בני בית, לאזט איבער די הכנות איך וועל אלעס ערליידיגן אז דער רבי וועט נישט דארפן פארן! ר' דוד גייט אריין צום רבין און נעמט שלום און זאגט איך האב געהערט אז דער רבי האט זיך אונטער גענומען א נסיעה וואס איז בגדר סכנה און וואס איז מיט ושמרתם מאד לנפשותיכם? נאר וואס, דער רבי דארף א פדיון שבויים! וויפיל געלט דארף דער רבי? "פופצן טויזנט רובל" איז דער ענטפער, זאגט ר' דוד נו: איך צייל פופצן טויזנט רובל און דער רבי זאל בלייבן אינדערהיים!

"אהא! האסט מיר יעצט געפאקט", אבער ווי אזוי ווילסטו צונעמען די מצוה פון הונדערטער אידן? אבער ווער זאגט אז דער רבי וועט שאפן די גאנצע געלט און די געזונט איז נישטא צו גיין און איך גיב זיכער די פדיון שבויים! זאגט אים דער רבי "האסט מיר געוואונען, לאמיר זען ווי דו ביזט מקיים דיין הבטחה!" ר' דוד שרייבט אויס א שטר פון זיין באנק אויף פופצן טויזנט רובל און גיט דאס צום רבין.

דער רבי שווייגט א פאר מינוט און פרעגט: "און וואס פארלאנגסטו פאר דעם?" ר' דוד ענטפערט "איך וויל א קינד!" "פאר אזא מצוה קומט דיר א קינד און דער אויבערשטער וועט דיר געבן א קינד אבער איך ווייס נישט צו איך וועל נאך זוכה זיין צו זיין אויף דעם עולם אדער ווען איך וועל שוין זיין אין עולם העליון!"

דער רבי שטרעקט אויס זיין האנט און ווינטשט אן פאר ר' דוד א קינד. ר' דוד דאנקט דער רבי און געזעגנט זיך און פארט אהיים, אין א קורצע צייט איז דער רבי נפטר געווארן און דערנאך האט ר' דוד זוכה געווען צו א בן זכר וואס ער האט געגעבן א נאמען נאך דעם הייליגן צדיק, משה צבי. "נו נו, אויב אזוי האט איר נאך צייט." די צייט איז אין מזל'דיגע שעה אנגעקומען! זיע"א

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

*א תהלים געדרוקט אין זיטאמיר עם פירוש דגל והודיה מיט מעמדות א זעלטענע שיינע מצב ווי ניי $25000, שו"ת נודע ביהודה מהדו"ת דפוס ראשון שייך להגה"ק ר' יוסף בוימגארטן אב"ד שיף שול ווין מצב מפואר $3000, ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, פינקס צדקה כתב יד פון הגאון ר' העניקן שנת תרפ"ד ברענגט אלע אדמור"ם און גדולי הראשי ישיבות וויפיל זיי באקומען און ווען וואס זיי דארפן געלט, חפץ חיים, בריסק, ר' אלחנן, גנע אדמו"ר צאנז, ר' חנה, ראצפערט, שינאווע, און נאך און נאך $6500, ספר לחם שמים יעב"ץ דפוס ראשון (ווערט $2500) און פרשת דרכים מיט איבער 100 הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חת"ם סופר און מחבר שו"ת מהר"ם יפה און נאך ביידע פאר $8500, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר יערי אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון $1500, סידור חמדת ישראל מונקאטש דפוס ראשון עם הסכמות חשובות עם הפראנומעראנטן $1000, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, סעט פרדס יוסף על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, סעט כלי חמדה על התורה דפוס ראשון נדיר מאוד $600, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים,* **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** *א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600,* ספר אוצר הרבנים $200 ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר $90 תשובה בכתב יד הגה"ק ר' יעקב עמדין וחזרת התשובה אליו מהר' משה חאגיז. $75,000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת